Radomer-Kielcer Leben

46 (236) V-טער יאָהרגאַנג.

Radom ראַדאָם פרייטאָג

30 listopada 1928. י"ז כסלו תרפ"ט.

פרייז 25 גראָשען.

Redakcja i Admistracja

Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.


# ראַדאָמער-קעלצער לעבן


אַנאָנסען פרייז:

איין מילימעטער שורה: פאַר'ן טעקסט 20 גר.

" " " אין " 40 "

" " " נאָכ'ן " 18 "

די ערשטע און לעצטע זייט ענטהאַלטן 8 שפאַלטן

אין טעקסט 4 "


צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען זוהן
**פסח** מיט פרל' **בראָנקע בריקמאַן**
ווינשען מיר, אַ גליק, מזל און צופרידענהייט זאָלען
לויכטען אין זייער צוקונפטיגען לעבענס-וועג.
עלטערן **מענדיל** און **שרה פרידמאַן.**

**פסח פרידמאַן בראָנקע בריקמאַן**
**פ ע ר ל אָ ב ט**
ראַדאָם ליסטאָפאַד 1928.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען ברודער
**פסח** מיט פרל' **בראָנקע בריקמאַן**
ווינשט אַ גליקליכע צוקונפט און עוויגע צופרידענהייט.
ברידערן און שוועסטער **פרידמאַן.**

מזל-טוב אונזער שוואָגער און שוועגערין **מענדיל**
און **שרה פרידמאַן** צו דער פערלאָבונג פון זייער
ליבען זוהן **פסח** מיט פרל' **בראַנקע בריקמאַן**
דעם יונגען פאָרל ווינשען מיר פיל גליק און צופרידענהייט.
**תנחום און הינדע ווייצמאַן.**

אונזער באַנק-מיטאַרבייטער ה' **פנחס פרידמאַן**
צו זיין פערלאָבונג מיט פרל' **בראָניא בריקמאַן**
גראַטולירען מיר הערצליך.
אין נאָמען פון ראַט און פערוואַלטונג פון דער האגודה-באַנק
**דיר. י. קאַסאי.**

Z intencji zaręczyn kolegi naszego **Piotra Frydmana** z p. **Bronką Brykmanówną** składa serdeczne życzenia
Personel Spółdzielczego Banku Rzemieślniczego w Radomiu.

Z dniem 22 listopada 1928 r. **uruchomiona została komunikacja luksusowym samochodem ogrzewanym—na linji**

| | |
|---|---|
| **Radom - Warszawa** odjazd 3,30 po poł. | **Warszawa - Radom** odjazd 7,30 rano. |

**STACJE POSTOJOWE i INFORMACJE:**

| | |
|---|---|
| **Lubelska Nr. 30** | **Aleje Jerozolimskie Nr. 125** róg Grojeckiej. |

**Samochód kursuje stale i regularnie o oznaczonej godzinie, bez względu na ilość pasażerów.**

צו דער פערלאָבונג פון פרל' **בראָניא בריקמאַן**
מיט ה' **פסח פרידמאַן**
ווינשט פיל גליק און צופרידענהייט.
**פ. פרידמאַן.**

מ ז ל — ט ו ב
ווינש איך אונזער מחותן ה' משה ריכטמאַן מיט דער גאַנצער
פאַמיליע צו דער החונה פון זייער זוהן **לעאָן**, מיט פרל'
**מאַבטשע קאַצענעלבויגען**, וועלכע איז פאָרגעקומען זונטאָג
פאַרגאַנגענעם אין ראַדאָם.
**א. לי' לערמאַן**
וואַרשע

מיט א האַרציגען „שלום-עליכם" בעגריסען מיר
אונזער חשוב'ען פרעזעס, ה' **זיסקינד הערמאַן**
צו זיין צוריקקומען נאָך אַ לענגערע קוראַציע פון אויסלאַנד,
און ווינשען איהם אַ גליקליכע געזונדס דערהאַלטונג מיט פרישע כחות
און ענערגיע צו זיין ווייטערדיגע אַרבייט פאַר די אויפבליהונג פון
אונזער ליבען גימנאַזיום. די דירעקציע און פערוואַלטונג
פון **יודישען גימנאַזיום אין קעלץ.**

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חשוב'ען
וויצע-פרעזעס פון די גימנאַזיע, ה' **וואָלף קלוסקאַ**
אין זיין גרויסען צער צוליב דער
פטירה פון זיין אונפערגעסליכען **פאָטער** נ"ע
אין זיין אידעאַלע אַרבייט לטובת אונזער גימנאַזיע זאָל ער אַ טרייסט
געפונען.
**די דירעקציע** און **פערוואַלטונג**
פון די **יודישע גימנאַזיע אין קעלץ.**

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל אונזער חבר ה' **וואָלף קלוסקאַ**
צוליב'ן פלוצלינגען טויט
פון זיין פאָטער **ר' שמחה** נ"ע
אין זיין מיטערדיגע אַרבייט לטובת דעם כלל זאָל ער זיין טרייסט געפונען.
דער ראַט. פערוואַלטונג און דירעקציע
פון דער קעלצער דיסקאָנטע באַנק
ק ע ל ץ.

איך דריק אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל מיין חבר ה' **וואָלף קלוסקאַ**
צוליב'ן פריהצייטיגען טויט
פון זיין פאָטער **ר' שמחה** ע"ה
אין זיין וויטערדיגע אונערמידליכע אַרבייט לטובת אונזער פאָלק און לאַנד
— זאָלסטו חבר דיין טרייסט געפונען.
**חיים וויינריב.**




# פאר וואס איז נישט צושטאנד געקומען דער בלאק צו די וואהלען פון דער ראדאמער קראנקען-קאסע צווישען „בונד" און פועלי ציון.

## וואס ערקלערען די פארשטעהער פון די ראדאמער יוד. ארבייטער-פארטייען?

### ווער טראגט די פעראנטווארטליכקייט?

ס'איז שוין אלוא קלאר, אז נישט קיין אנדערער, נאר דער „בונד" האט צוקלאפט דעם עתענטועלען בלאק צווישען „פועלי ציון" און „בונד" ביי די יעצטיגע וואהלען צו דער קראנקען-קאסע אין אונזער שטאדט. מען דארף באמת בעווייזען די גבורה פון רוהיגקייט, אז מ'זאל קאנען דורכגעהן די א ציפערגונג, וואס איז פעראורזאכט געווארען מצד די פארשטעהער פון „בונד" נישט צו דערלאזען א געהעריגע רעפרעזענטאציע פון דער יודישער ארבייטער-שאפט אין דער קראנקען-קאסע.

שרייבענדיג וועגען אט דעם אונערהערטען פאקט קומט מיר אויפ'ן זכרון די ערשטע נישט-לאנגע פערגאנגענהייט, נאך די וואהלען צום היינטיגען שטאדט-ראט בשעת די היגע פ. פ. ס. האבען פערבעטען אויף א געמיינזאמען קאנפערענץ די ראטמענער פון פועלי ציון און בונד בכדי א ומצורעדען און צו געפינען א איינגאנג'ס-פונקט צו די וואהלען פון דער שטאדט-פערוואלטונג, וועלכער ווערט געזעהלט דורכ'ן שטאדט-ראט. דאן ווען ס'איז שוין אנגעהויבען געווארען די פערפראקסאציעס איז, נים קוקענדיג פון וואנען, האט זיך געמעלדעט אויף דער קאנפערענץ א פאר-שטעהער פון „בונד" ה' זיבערט (פון װארשא). װעלכער האט װאס פענג א אומבערעכטיגטען בליק אויף די פועלי-ציוניסטישע ראטמענער, מיט שוים אויף די ליפען אנגעהויבען בפוידלען און בעליידיגען די פועלי-ציוניסטען, פאר זייער חוצה אנצורופען זיך אלס די פארשטעהער פון יודישען פראלעטאר-יאט. ה' זיבערט האט מיט זיינע אנפאלען אויף די פועלי-ציון אזוי חייש זיך פערנאלאפירט אין דער אנוועזענהייט פון דער גרויסער צאהל פ. פ. ס. פארשטעהער-שאפט, אז ער האט פאקטיש ארויסגעווארפען אז לויט דעם בעשלוס פון דער העכערער בונדישער פאכט אין א בונדיסט ביי קיין פאל נישט ערלויבט צו פיהרען אונטער-האנדלונגען מיט פועלי-ציוניסטען און אפילו זיי נישט דערלאנגען די האנד...

מ'איז א פערשטענדליכע זאך, אז פון דאזיגען ארט האנדלונג האבען פראפי-טירט די פ. פ. ס, וועלכע האבען מיט אין מוזנעם יושער, זעהענדיג פאר זיך א צובראכענער רעפרעזענטאנץ פון דער יודישער ארבייטערשאפט האבען די פ. פ. ס. אהן שום מורא נאך פערשטע-לערט די יודישע פראלעטארישע רעפ-רעזענטאנץ בין זערא. אז אזוי גאך אז אין דער שטאדט-פערוואלטונג נישט אריין קיין איין פארשטעהער פון די יודישע ארבייטער-מאסען.

אזא פאקטיק מצד דעם „בונד", וועל-כער פערופט זיך אלס דער איינציגער פארשטעהער פון דעם יודישען ארבייטער-קלאס, כוז גע'משפט ווערען פון דער יודישער ארבייטער-עפענטליכקייט.

# בעקאנטמאכונג.

איך מאך בעקאנט דער יודישער בעפעלקערונג אין ראדאם און אומגעגענד דאס איך האב געעפענט א וואורשטען-געשעפט

אויף רווינסקא גאס № 1

און כדי צוגעבען די מעגליכקייט, אז די יודישע בעפעלקערונג זאל קאנען געניסען פון פערשידענע כשר'ע פליישען פון מיין אייגענער אויסארבייטונג, האב איך בעדייטענד פערקלענערט די פרייזען

פון די פערשיעדענע געריכטעטע פליישען

אויף פאלגענדע ביליגע פרייזען:

| | | |
|---|---|---|
| 10 דק. | פרישען וואורשט | 45 גר. |
| „ „ | אויפשניט מיט ברוסט | 50 „ |
| „ „ | טרוקענער וואורשט | 65 „ |
| „ „ | ברוסט — — | 90 „ |
| א פאר פאראווקעס | — | 20 „ |

אויך הורט-פערקויף צו ביליגע פרייזען.

בעמערקונג: די וואורשטען ווערען אויסגעארבייט פון די בעסטע סארטען פליישען.

מיט אכטונג העשקע האנדעלסמאן

ראדאם, רווינסקי 1 №

קומט פארזוכען און איבערצייגט אייך!

ליב דאס ערשטע מאהל אין זיין לעבען דעם טעם פון וארג.

צייטען די קומענדיגע סוחרים הויבט לייב אן זוכען א בעשערטען פאר זיין שיינדעלע, ער קוקט זיי נאך מיט א ערנסטען בליק און ווען איינער פון זיי געפעלט איהם רופט לייב אויף אויס-רייד אריין שיינדעלען אין מיהל זי זאל איהם זעהען און ווען שיינדעלע ווערט פערפלאמט ביים ערשטען בליק און לאזט אראב צנועה'דיג די אויגען, איז זיך לייב משער, אז יענער געפעלט איהר און לאזט רעדען דעם שידוך.

נעהט אוועק א קליינע צייט, איז ביי לייב'ן אין שטוב א שמחה. מ'ברענגט פולנר, פ'ט זיין בת יחידה ווערט גע-שריבען תנאים.

פערגעהען טעג נאך טעג און מיט זייער געלויף מאכען זיי צייטערען שיינ-דעלעס יונגע הארץ, ווייל דורכלויפענ-דיג וואגען זיי אן, אז יענע צאפעלריג אויסגעטרוימטע חתונה-נאכט דערנעהנ-טערט זיך.

ווערט ביי שיינדעלען מיט יעדען נייעם זונ-אויפגאנג, א פרישער פערלאנג אויפגעוואכט, לויטערט זיך אין קינד-סאל-קלאר קייט, ווי די זון, וואס ווערט צ'ין מעהר דורכזיכטיג פון איהר פריה-מארגען בעזילבערטען וואלקען אין אין נאקעטקייט ענטבלויזט.

וואס מעהר דער חתונה-טאג דער-נעהנטערט זיך, אלץ קלאהרער אין לעכטיגער ווערען שיינדעלעס פערלאנ-גען און עס טוט איהר מיט אמאל פאר די אויגען א בלאסק א בונט זילבער און א מיידלישער סיבער גרוילט דורך אין א דראבנער הייסקייט איהר אויס-געטאקסען קערפער.

שיינדעלע טרינקט פון די זיסע האפ-נונגען און וואקסט ווי א בלום פון א סייככען פריהמארגען-טוי אין פריהלינג, נור קומט א פלוצימדיגער ווינד און צעשטערט איהר בליהען.

סטעפאן, דעם מאשיניסט האט דער מייהעל אריינגעשטופט די האנד אין דעם מיהל-ראד, בלייבט סטעפאן א קאליקע אהן א האנד. אויף זיין ארט נעמט לייב צו תאב ק'ן, וואס בראנגט אין זיינע געקרויזעלטע שווארץ-פוכיגע האר א כפוף גלאנץ — און אין זיינע פלאמיג-שפילעדינע אויגען—סודות דיגען רייץ... שפיגלען זיי זיך אין שיינדעלעס שוואר-צע סאמטענע לאקען און אין איהרע קאדשט, צפלען. ווערען האר אין האר אויג אין אויג צוזיסגעגאסען און אין לייב'ס שטוב בלאנדושעט אריין די אומרוהיגקייט פון דער וואסער-מיהל, וואס ברומט און וואיעט אונטער וואצעקס האנד. און ציהט צו איהר צו שיינדעלען.

ביים ערשטען קוק איף שיינדעלען לאזט וואצעק די מיהל מיט א פייערלאני-שען אימפעט, אז ער קריצט אוש מיט די צייהן בין די זילבערנע פעדים, וואס שפינען זיך פון שיינדעלס אויגען ווי אומשולדיגע פלאמעלעך פון א נר-תמיד, ווערען פון זיין הייסקאכענדיגען בליק אנגעגליהט אין ווילדע פלאמען. די דוזיגע בעקעלעך צינדען זיך אן פון וואצעקס שפיזיגע פלאמען-בליקען און צערויטלען זיך ווי אויסגעשטאנענע רו טע עפעלעך...

ווען די מיהל ווערט פארנאכט אנט-שוויגען הויבט שיינדעלעס הארץ אן קלאפען אין טו זענרער מיהל-רעדער, קומט דעמאלט וואצעק אריין צו לייב'ן אין שטוב און קיינער איז אין שטוב נישטא, ווערען וואצעק מיט שיינדעלע אזוי נאהנט, אז איינער הערט דאס סאפ-

# אינטערוויו מיט'ן בונדישען ראטמאן ה' פינקעלשטיין.

צוליב דעם וואס די וואהלען צו דער קראנקען-קאסע זיינען שוין נאהענט, האבען מיר, נעמענדיג אין אכט די ערנסטקייט און דעם בעדייט, וואס עס האבען די וואהלען פאר א גרויסען טהייל פון דער יודישער בעפעלקערונג — בעשלאסען צו אינטערוויוירען די פארשטעהער פון אלע ריכטונגען מיט'ן צוועק צו בעקענען אונזערע לעזער מיט דער שטעלונג און מיינונג פון יעדען בעזונדער, געבענדיג אזוי נאך די מעגליכקייט דעם לעזער ער זאל קאנען זיך גענוי אריענטירען און שאפען זיך א קלארען בעגריף פון דער דאזיגער אזוי וויכטיגער אינסטיטוציע בכלל און פון די יודישע אויפגאבען אזוי פון רעכטס און לינקס בפרט.

דאס ערשטע מאהל ברענגען מיר א געשפרעך מיט'ן בעקאנטען בונדישען ראטמאן, ה' אברהם פינקעלשטיין, ערשטער קאנדידאט פון דער בונדישער ליסטע.

בעת אונזער א געשפרעך מיט'ן בונדיסטישען טהוער און ראטמאן ה' אברהם פינקעלשטיין בנוגע דעם אקטועלען ענין, וואס הייסט קראנקען-קאסע וואהלען האבען מיר געשטעלט א רייהע פראגען, אויף וועלכע ה' פינקעלשטיין איז געווען העפליך און, בכדי צוטיילען זיין מיינונג מיט די לעזער, געגעבען פאלגענדען ענטפער, וועלכער ענטהאלט 5 פונקטען:

— אונזער ערשטע אויפגאבע אין קראנקען-קאסע, האט ה' פינקעלשטיין געזאגט, וועט זיין, אז די יודישע ארבייטער, וועלכע זיינען היינט אין אזא קלאגענדיגען עקאנאמישען מצב, זאלען זיין פערזיכערט אימפאלס פון קראנקהייט, מיט מעדיצינישע הילף און אונטערשטיצונג. איבער דעם ווילען מיר אנשטרענגען אלע אונזערע כחות א סוף צו מאכען צו די איצטיגע פערהעלטניסען, אז אזא גרויסער לעדער-צענטער ווי ראדאם איז, וואו עס געפינען זיך אזוי פיעל יודישע לעדער-ארבייטער, זאלען פון דער גאנצער בראנזשע זיין פערזיכערט אין קראנקען-קאסע אן ערך פון 60 ביז 70 מיטגלידער. דעריבער וועלען מיר פאדערן אומבאדינגטע פערזיכערונג פון די יודישע ארבייטער.

די 2-טע אויפגאבע, וועלכע מיר שטעלען זיך, איז גוטע מעדיצינישע בעהאנדלונג. אלס פאכמאן, וועמען די פראגע איז גוט בעקאנט, און וועלכער קען די פערהעלטנישען אין די קראנקען-קאסע מיט איהרע גוטע און שלעכטע זייטען, טרעפט זיך יעדען טאג פנים אל פנים מיט די מיינונגען פון די פערזיכערטע אין דער הינזיכט, וועל איך זיך בעמיהען, אז די פראגע זאל פאר זיי, ווי ווייט מעגליך, פאזיטיוו ערלעדיגט ווערען.

די דריטע אויפגאבע איז, פאדערן, אז אין קראנקען-קאסע, וואו עס ארבייטען אזוי פיל בעאמטע און אנגעשטעלטע, זאל ניט, ווי ביז יעצט, בעשעפטיגט ווערען נאר 2 יודישע בעאמטע, נאר עס זאלען צוגענומען ווערען יודישע בעאמטע און אנגעשטעלטע אין די געהעריגע צאהל.

די 4-טע אויפגאבע איז, פאדערן, די רעכט צו בענוצען זיך מיט דער יודישער שפראך ווי אויך, אז אויפרופען, פארלעזונגען וועגען היגיענע, בראשורען און אזוי ווייטער, זאלען זיין אויך אויף יודיש. ווייל נאר אויף אזא אופן קען דערגרייכט ווערען דער ציעל, וועלכען די קראנקען קאסע דארף האבען.

5) מיר וועלען אויך פאדערן, אז דער גאנצער אבצאהל פאר די קראנקען-קאסע זאל בעלאסטען דעם ארבייטסגעבער, ווי אויך, אז אימפאלס פון קראנקהייט זאל דער פערזיכערטער בעקומען די פולע 100% אונטערשטיצונג.

דאס זיינען די אויפגאבען, וועלכע מיר וועלען זיך שטעלען אין נייעם ראט און פערוואלטונג פון קראנקען-קאסע.


**Kino „ODEON“ w Radomiu.**

**Od dn. 3 Grudnia r. b.**

Pierwszy Film Polsko-Amerykańskiej produkcji

**— pod tytułem: —**

**Z BOLSZEWICKIEGO RAJU**

Film którego akcja toczy się:

**w Rosji bolszewickiej**

**w Polsce na Suwalszczyźnie**

**w Warszawie i Paryżu.**

Dramat wielkiego serca Polki-matki i Polki-kochanki pisany krwią serdeczną i łzami.

Akcja toczy się na tle ostatniej wojny polsko-bolszew.

Sceny na zamarzniętym jeziorze są pełne grozy.

Sceny z udziałem polskiej kawalerji i artylerji, są prawdziwą ozdobą filmu, stojącego na najwyższym poziomie artystycznym.

**W roli głównej przepiękna**

OLGA CZECHOWA

**dzielnie Jej sekunduje przemiły**

HENRYK STIWE.

Wykonany świetnie i z brawurowym rozmachem.


# וואס הערט זיך אין ראדאם.

## דער וואלאנאווער יוד לייזער בוימאן איז שוין מוירד א יאהר און דער פראצעס פון דער אויטא-קאטאסטראפע איז פארגעקומען די טעג.

אויפ'ן וואלאנאווער שאסע איז פאראיאהרען דעם 4-טען גרודזיען, געהרג'עט געווארען דער וואלאנאווער יודישער קצב לייזער בוימאן. דעם טוידט האט דער יודישער וואלאנאווער איינוואהנער געפינען ביי פאלגענדע אומשטענדען: אויפ'ן שאסע וואלאנאוו—ראדאם איז געפאהרען מיט אנ'אויטא דער לעהרער פון איינער פון די ראדאמער מיטעל שולען, א געוויסער גוזעק. אויפ'ן זעלבען וועג האט לייזער בוימאן מיט נאך א יוד געפיהרט א בהמה. גוזעק, וועלכער איז געווען דער שאפער, דערזעהענדיג די צוויי פיסגעהער האט סיגנאליזירט און אבגעטרעטען פון וועג, איינהאלטענדיג דעם לויף-טעמפא פון מאשין. צוליב דער גליטשיגקייט אבער האט זיך דער אויטא איבערקעהרט און איז אריינגעפאלען מיט די אינטערשטע רעדער אין א ראוו צו דער לינקער זייט פון שאסע. דערביי האט דער יודישער קצב בוימאן, וועלכער האט זיך געפינען אין דער זעלבער ריכטונג בעקומען א שטויס, פון וואס ער איז אומגעפאלען און זיך צוקלאפט דעם קאפ הארט ביים כ"ה. נאך צוויי טעג זיך אבמוטשענדיג איז בוימאן געשטארבען. די יורשים פונ'ם געהרג'עטען האבען געגען גוזעק'ען איינגעפיהרט א פראצעס, וועלכער איז דעם פאריגען דאנערשטאג פארגעקומען אין ראדאמער קרייז-געריכט.

אין נאמען פון די יורשים איז ארויסגעטרעטען מיט א ציוויל-תביעה אדוו. שטילער. ער האט געפאדערט 500 זל. פאר די לויה-הוצאות און 1 זל. ענטשעדיגונג. אדוו. שטילער האט זיין פאדערונג מאטיווירט דערמיט, וואס אויבנדערמאהנטער גוזעק קאן דירעקט נישט בעשולדיגט ווערען אין טוידט פון יוד בוימאן — איז דאך דער בעשולדיגטער יעדענפאלס א גורם אין דאזיגען טראגישען פאל, דאנעגען דער אדוו. מצד דעם בעשולדיגטען, ה"ר כטשאנינסקי האט געפאדערט אינגאנצען צו בעפרייען איהם פון יעדער שטראף, שטיצענדיג זיך אויף דער מיינונג פון עקספערט ד"ר פעלטשינסקי, לויט וועמענס ערקלערונגען דער טוידט פון יודישען קצב איז ארויסגערופען געווארען דורך א אומדירעקטען שטויס פון איינעם פון די אויטא-טיילען.

נאך א בעראטונג במשך א שעה צייט, האט דאס געריכט ארויסגעטראגען א בעפרייאונג'ס-אורטייל, דערווייטערענדיג גלייכצייטיג די ציוויל-תביעה.

# בעקאנטמאכונג.

דערמיט האב איך דעם כבוד בעקאנט צו מאכען די יודישע בעפעלקערונג פון ראדאם און אומגעגענד

אז מיין לאנג-יעקזיסטירענד **מאנופאקטור-געשעפט** איז פון רוויינסקא 23

איבערגעטראגען געווארען אויף **לובלינער 7** פראנט

און איז פערזעהען מיט א גרויסען לאגער פון פערשידענע סחורות ווי: **טוך, קאמגארן, קארטאן** אויך א גרויסער אויסוואהל פון דאמען-שטאפען ווי: זיידענס א. ד. גל.

רעעלע פרייזען, ביי די בעסטע בעדינגונגען!

מיט אכטונג

**שמואל קארמאן** לובלינער 7 פראנט.


## הנחות פאר שול-יוגענד, ארבייטער און אנגעשטעלטע אויף די מאגיסטראט-אויטאבוסען.

דער מאגיסטראט האט די היינטיגע טעג איינגעפיהרט הנחות אינ'ם פאהר-פערקעהר פון די שטאדטישע אויטאבוסען פאר שילער, אנגעשטעלטע און בכלל פאר דער ארבייטער-בעפעלקערונג. פאר די אלע פאסאזשירען קאסט פון 6 פריה ביז האלב ניין אנשטאט 50 נאר 30 גראשען און אנשטאט 30 — 20 גר.

## טראגישער פארפאל מיט א 13-יעהריג יונגעל.

ביים טאפעצירער פאוולאחיטש (לובלינער 21) איז געווען אנגעשטעלט אויף דער לערען דאס 13-יעהריגע יונגעל שמואל באנקער. א זוהן פון גמינע-אינקאסאנט אין שחט-הויז. פאריגע וואך בעת דאס יונגעלע האט גע-וואלט אראבנעמען פון א שאנק א ספרוזשינע איז אויף איהם ארויפגעפאלען א שווערע משא און איהם צעשמעטערט דעם קאפ. אין שרעקליכע יסורים איז דאס אומגליקליכע יונגעל אין אייניגע טעג ארום געשטארבען.

## זיך געגרינדעט א חברה שומרי שבת אין ראדאם.

היינטיגע וואך איז געגרינדעט געווארען אין ראדאם א חברה שומרי שבת.

די ערשטע אָרגאניזיר-פערזאמלונג איז פארגעקומען היינטיגען מאנטאג.

דער גרינדער פון די שומרי שבת און אנפיהרער איז הר' קעסטענבערג. די לעגאליזאציע איז ארויסגעגעבען געווארען דורכ'ן אינער'ן-מיניסטעריום.

## אויסערגעוועהנליכע פערזאמלונג אין דער יודישער באנק „ספולדזיעלניא" אויף פלאץ דריטער מאי 2.

צו אלע מיטגלידער פון דער יודישער ספולדזיעלניא-באנק אויף פלאץ דריטער מאי, זיינען פונאנדערגעשיקט געווארען איינלאדונגען אויף א אויס עוועהנליכע פערזאמלונג, וואס ווערט גערופען אויפ'ן קומענדיגען זונטאג דעם 2-ען גרודזיען ה. י.

דער טאג-ארדנונג פון דער פערזאמלונג ענטהאלט 3 פונקטען, נעמליך: איבערליינען דעם לעצטען פראטאקאל פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג, איבערליינען דעם לעצטען פראטאקאל פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע; ענדערען די פאראגראפען 40—38 פון ספולדזיעלניא-סטאטוט.

ברי אויפצוקלערען דעם לעצטען פונקט פאר אונזערע לעזער, ווי אויך צוליב דעם, וואס ס'האבען זיך פערשפרייט קלאנגען, אז דערמיט ווערט געמיינט נייע וואהלען פון רעפרעזענטאנטען און אפילו פון א ראט און פערוואלטונג פון דער באנק — האבען מיר זיך געווענדעט נאך אינפארמאציעס צום דירעקטאר ה' דוד פרענקעל, וועלכער איז געווען אזוי פריינדליך און אונז איבערגעגעבען פאלגענדעס: אזוי ווי לויט דעם ביז-איצטיגען סטאטוט קומען פאר אלע דריי יאהר וואהלען אויף אויסצוקלויבען רעפרעזענטאנטען, אלזא וויל יעצט די באנק איינפיהרען, אז יעדעס יאהר זאלען פאר קומען די וואהלען פון די רעפרעזענטאנטען. היות ווי דער נייער רעפארם מוז זיין אין הסכם מיט'ן סטאטוט, מוזען דעריבער ענדערען אייניגע שטעלען אין סטאטוט, וואס זענען נוגע דעם דאזיגען פונקט. די היינטיגע פערזאמלונג האט דעריבער די אויפגאבע אויך אריינצופיהרן די ענדערונג'ס-תקנות אין סטאטוט. און אז די פערזאמלונג איז א ריין-טעכנישע. קיין וואהלען פון רעפרעזענטאנטען וועלען יעצט נישט פארקומען, ווייל ס'איז נישט פארגעזעהען אין טאג-ארדנונג,

אויפדער פראגע פון אינזער מיטארבייטער אויב אין פאל ווען נאכ'ן אננעמען די סטאטוט-ענדערונגען וועט איינפליסען א פארשלאג וועגען רעאליזירען אויפ'ן ארט וואהלען פון רעפרעזענטאנטען, צי וועלען דעמאלט די וואהלען פארקומען — אויף דעם האט דער דירעקטאר ה' פרענקעל קאטעגאריש ערקלערט, אז אזא פארשלאג וועט נישט אנגענומען ווערען, ווייל לויט דער איינגעפיהרטער ארדנונג קומען פאר די רעפרעזענטאנטען-וואהלען צוזאמען מיט א בעריכט פון א יאהר-טהעטיגקייט פון דער באנק. היות ווי איצט קאן קיין רייד נישט זיין וועגען אזא בעריכט'ס-טהעטיגקייט, ווייל ס'איז נאך אין דער-מיט יאהר, וועט ערשט די רעפרעזענטאנץ-וואהלען צוזאמען מיט'ן בעריכט פארקומען אין מאנאט מערץ 1929.

וועגען וואס ס'וועט בעזונדערס געמאלדען ווערען אין אונזער צייטונג.

## 14 יאהר וויל ער נישט הערען פון זיין ווייב און אויפ'ן 15-טען וויל ער 150 רובעל פאר א גט.

שוין 14 יאהר, זינט די אייראפעאישע קריעג איז אויסגעבראכען, האט נעכע ציטרין פון דרילטש (ראדאמער קרייז—אילזשא) נישט געהערט פון איהר מאן. ער איז דעמאלט אריינגעצויגען געווארען אין די רייהען פון די רוסישע רעזערוויסטען, אנטייל גענומען אין דער מלחמה און לסוף פערשווינדען געווארען ערגיץ, נישט צו הערען פון איהם א ווארט, גלייך ווי ער וואלט אין וואסער אריין.

די אומגליקליכע עגונה נעכע ציטרין האט מרעיש עולמות געווען, אנגעקלאפט די טהירען פון אלע רבנים, אינטערווענירט אין אלע אמטען — אבער א נעכטיגער טאג, נעכע'ס מאן, ישראל וואלפאוויטש האט נישט געגעבען קיין סימנים פון לעבען. די פרוי מיט איהרע דריי קינדער האבען זיך שוין גע-האט מיאש געווען פון זייער מאן און פאטער. פלוצלינג האט די פרוי זיך דערוויסט, אז איהר מאן לעבט און געפינט זיך אין רוסלאנד אין שטעדטיל טאבאק, פון וואנען זי האט היינטיגע וואך דערהאלטען פון איהר „טייערען" מאן א בריעף, אין וועלכען ער שרייבט איהר, אז באם זי וועט איהם שיקען 150 רובעל וועט ער איהר איבערשיקען א גט, דורך וואס זי וועט אויפגעבונדען ווערען. ער שרייבט איהר, אז דאס טהוט ער איהר א „טובה", ווייל אין רוסלאנד איז דער ענין גט נישט אקטועל און ער קאן דארט חתונה האבען אהן א גט. ווי דער מאן שרייבט, האט ער זאגאר שוין אנגעשריבען א גט ביי א רב, אבער ער וויל איהם נישט ארויסגעהן אהן די 150 רובעל. ער פון זיין זייט וויל דערויף נישט אויסגעבען א גראשען און ער עצה'ט דעריבער זיין פרוי צו שיקען די דאזיגע סומע, מחמת ער פערשטעהט, אז דאס לוינט זיך איהר און זי וועט קאנען אווי נאך חתונה האבען מיט א מאן. קיין פוילען, שרייבט דער מאן, וויל ער מעהר נישט קומען, ווייל ער האט געהאלפען אויפבויען די יעצטיגע ארדנונג אין רוסלאנד, וואו ער ארבייט נאר 6 שעה אין טאג, אנשטאט פריהער אין פוילען 12.

א סברה. אז דער תירוץ איז בלויז א אנשטעל. וואס וועט איהם א שטייגער שאדען, אז צום וואהנען מיט זיין יונג רוסיש ווייבעל וועט ער נאך צוקריגען א כשר'ע מציאה פון דער זייט אין דער סומע פון 150 גאלד רובעל, וואס זיין ערשטע פרוי נעכע איז זיכער נישט אין שטאנד צו ציפצוקלויבען.

די דרילדזשער פרוי איז היינטיגע וואך געקומען קיין ראדאם און זיך געווענדעט צו הר' קעסטענבערג ער זאל שרייבען צו יענעם רב ער זאל ארויסגעבען דעם גט אהן געלד, ווייל אנדערש וועט זי בלייבען אנ'עגונה, אויף איהרע אייביגע יאהרען.

## האלט נישט פאר גרינג און שיקט די לערן-יונגלעך אויף די פאך-קורסען.

### אנדערש דראהט א שטרענגע שטראף — די קאנפערענץ פון ארבייטס-אינספעקטאר מיט'ן האנדוו.-פרעזעס ה' משה רובינשטיין.

דעם פערגאנגענעם פרייטאג האט דער ארבייטס-אינספעקטאר ה' מאשטשיעווסקי איינגעלאדען צו זיך דעם פרעזעס פון האנדווערקער-קלוב, ה' משה רובינשטיין אויף א קאנפערענץ וועגען די אוונד-קורסען פאר לערן-יונגלעך, צווישען אנד. האט דער ארבייטס-אינספעקטאר ערקלערט, אז סיי דאס ארבייט'ס-מיניסטעריום און אזוי דאס בילדונג'ס-מיניסטעריום ווילען מיט דער גאנצער שטרענגקייט פון געזעץ אבהיטען דעם נארמאלען גאנג פון די אוונד-קורסען. אונבעדינגט מוזען לערן-יונגלעך אין עלטער פון 15 ביז 18 יאהר בעזוכען רעגעלמעסיג די אוונד-קורסען, וועלכע אינטערליגען דער קאנטראל פון די מיניסטעריום'ס פאר בילדונג און ארבייט.

ביי דער געלעגענהייט האט דער אינספעקטאר אנגעמערקט, אז יונגלעך אונטער 15 יאהר טאר מען נישט צונעמען אויף דער לערן און ער וועט אויך דורכפיהרען אפטע קאנטראליעס פון די ווארשטאטען.

אויפ'ן פארשלאג פון פרעזעס ה' רובינשטיין וועגען 3 מאהליגען בעזוכען און וועגען אנפאנגען די למודים פון 7½ אוונד האט דער אינספעקטאר נישט מסכים געווען.

דער אינספעקטאר האט אויף א קאטעגארישען אופן ערקלערט. אז די מייסטערס. וועלכע ווילען זיך נישט צו פאסען צו די געזעצען, וועלען בעשטראפט ווערען מיט 200 זל. און 6 וואכען ארעסט. אין דער זעלבער צייט האבען איינינע מייסטערס ביים אינספעקטאר אונטערגעשריבען פערפליכטונגען, אז זיי ווילען צו דער צייט בעפרייען זייערע לערן-יונגלעך.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם מאכט די פערוואלטונג פון האנדוו.-קלוב אויפמערקזאם די מייסטערס, וועלכע האלטען לערן-יונגלעך, אז זיי זאלען זיך צופאסען צו די נייע בעדינגונגען אום אויסצומיידען שטראפען.

### געצעהלטע טעג פון דער רעגיסטראציע.

בעלי מלאכות, וועלכע פיהרען בלויז ווארשטאטען און בעזיצען נאר א אינדוסטריע-פאטענט (Przemysłowe) און סיי די בעלי מלאכות, וועלכע פיהרען מלאכה און האנדעל און בעזיצען דאפעלטע פאטענטען, וועלכע דארפען רעגיסטרירען ביידע פאטענטען און האבען זיך נאך נישט פעריעסטריערט — דערמאנען מיר, אז נאך געצעהלטע טעג וועט דויערן די רעגיסטראציע און די, וועלכע האבען אנגעגעבען די „זגלאשעניעס" און בעקומען אויפפאדערונגען פון סטאראסטווא וועגען אויסבעסערונג, דארפען די אויסבעסערונגען געמאכט ווערען תיכף ומיד, ווייל די אויפפאדערונגען, וועלכע ווערען געגעבען מיט א טערמין פון 11 טעג, ווערט צום סוף געדראהט מיט פערמאכען די אונטערנעהמונג.

אנהויבענדיג פון 2-טען גרודזיען וועלען ווערען ערלעדיגט פאטענטען אויפ'ן נייעם יאהר.

סעקר. ש. סטראוטשינסקי.

### פארלעזונג אין סארסא.

מארגען שבת 1 א זייגער נ. מ. קומט פאר אין „קארסא" א פארלעזונג מיט דער בעטייליגונג פון די פועלי ציוניס־טישע טהוער ה"ה יוסף ראזען (ווארשא) און משה מענאכאווסקי. דאס טהעמא פון דער פארלעזונג איז „דער בונד אויפ'ן שיידע וועג".

די פרייזען פאר די בילעטען האבען די איינארדנער געמאכט בעדייטענד ביליג. כדי צוגעבען א מעגליכקייט די ברייטע יודישע ארבייטער-מאסען צו בעזוכען די פארלעזונג. אויף אלע ערטער האבען זיי בעשטימט 25 גר. א בילעט.

### רעווי-פארשטעלונג אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי".

א הערליכע רעווי-פארשטעלונג קומט פאר היינטיגען שבת-צו-נאכט אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי" א. נ. „איך אייך אויך"... צוויי אקטען אין 18 בילדער. מיט'ן אנטייל פון די בעסטע ארטיסטען „פערסקע אקא" און „נאוואשטשי", פון ווארשא; דאס פראגראם ענטהאלט א גאנצע דייהע אקטועלע שלאגער-נומערען.

### דער חיבור „מאדערנע דרשות" פון הרב זלאטניק.

הרב ישעיה זלאטניק מאכט בעקאנט די אלע קונים וואס האבען געוואלט קויפען זיין ספר „מאדערנע דרשות", וואס איז כמעט אויספערקויפט געווארען אין ווארשא אין דער ערשטע וואכען נאכ'ן ערשיינען, דאס אין די נאהנטסטע טעג וועט ער בעקומען א טראנספארט ספרים פון דער צווייטער אריינלאגע.

די ספרים וועלען זיין צום פערקויפען אין דער ביכערהאנדלונג פון ה' ש. הענדעל לובלינער 30

### נייע יודישע באנק אין ראדאם

אויף דער רווינסקא גאס נומ. 21 האט זיך געעפענט א נייע אידישע באנק א. נ. „קופיעצקא ספולדזיעלניא קרעדיטאווא" אין דער שפיץ פון דער באנק שטעהען א רייהע בעקאנטע ראדאמער סוחרים. צוליב דעם וואס די באנק געפינט זיך אין סוחרישען אומגעגענד, וואו קיין באנק איז נישטא, האט דאס ארויסגערופען צווישען די יודישע סוחרים גרויס אנזעהען. די באנק פיהרט דורך אלערליי האנדעלס אפעראציעס, דיסקאנטא, אינקאסע, פראכטען א. ד. גל.

די באנק האט פאר דער בעקוועמליכקייט פון איהרע קליענטען איינגעפיהרט צו צאהלען וועקסלען אויך פון 6–7 אוונד אהן בעזונדערע צוגאבקאסטען און ממילא אזוי נאך אין פיל פאלען איינבערענגען די זלאטעס וואס קאסטען ביים רעיענט. די דאזיגע הנחה האט א בעזונדערע ווערטה דערמיט וואס די קרעמער'ס און סוחרים האבען דעמאהלט מעהר צייט אין קאנען זיך איינבערענגען צו שטעהן אין די רייהען און די אממייסט-פערנומענע האנדעלס-שעהן.

די ארגאניזאטארען פון דער באנק פערזיכערען, אז זיי וועלען זיך בעמיהען מיט דער צייט צולייסטען דורך פערשידענע אופנים פאר'ן נוטס פון זייערע קליענטען.

110–04


## ווייכטיג נייעס!

פיר צוקער ליידענדע עמפעהלט קלערער ברויט, סוכארקעס הערבאטניקעס בישקאפטען א. ד. ג.

פיר מאגען ליידענדע ספעציעל קוראציע געבעקס ארגינעלע קארלסבאדער סוכארקעס געבאקען מיט קאו לסבאדער שפרודעל-וואסער

ספעציעלע גוטע הילקונג פיר גאל-שטיינער ליידענדע אנערקענט פון די גרעסטע וועלט דאקטוירים.

א גרויסער אויסוואהל פון אייער-מצות, מצה-מעהל און געוועהנליכע מצות פריש און גוט.

דאס אלעס עמפעהלט **א. האך**

ראדאם, לובלינער 3. פינאנץ געוועלב.



Teatr „ROZMAITOŚCI" w Radomiu.

W Sobotę 1 grudnia r. b.

*Jeden gościnny występ „Teatru Rewji"*

wykonana będzie

**JA PANA TEŻ...**

aktualna rewja w 2 aktach 18 obrazach.

Udział biorą najwybitniejsi artyści stolicy:

Janina MADZIARÓWNA

Irena DARLICZÓWNA

Janina ORLICZÓWNA

Jerzy BOROŃSKI

W incenty ŁOSKOT

Początek o godz. 8.30 wiecz.



Kino Teatr „CORSO" w Radomiu.

**Anons! Anons!**

*Wielka Parada Francji*

**Z DYMEM POŻARÓW**

W rolach głównych:

czołowi artyści francuscy

panie: Michèle Verly, Jalabert, Kerwich;

panowie: Maxime Darjardins, M. Bras, Andre Heuzé

J. F. Martial, Georges Charlia, Lacoste,

Camus i Ernest Verne, Jean Murat.

Film nad Filmami.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ברודער
סענדער און קוזינע בלומה'לע
מיט ה' פסח כרידמאן
ווינשען פיל גליק און אייביגע צופרידענהייט.
פעטער, מומע, קוזין און קוזינקע
ק י מ ע ל.



אונזערע ליבען שוואגער, שוועגערין,
עלטערן מענדל און לאה פרידמאן
צו די חתונה פון אייער ליבען זוהן
פסח מיט פ"ל ברוניע בריקמאן
נעמט צו די הארציגסטע ברכות פון
יחזקאל און פראנדיל רוזמאן
(אבדזונילע און יונקע).



Z intencji zaręczyn
p. **Mani Rechcmanówny**
z p. **Heńkiem Weltmanem**
z Kiełc
życzymy im wiecznej miłości
i harmonji dusz.
RODZINA **RECHCMAN**
Radom.



צו די פערלאבונג פון אונזער ליבע
קוזינקע **עלקע זעלצער**
מיט ה' **יחיאל גאלדפינגער**
ווינשען מיר אייביגע גליק
און צופרידענהייט.
**אברהם האפמאן**
עט פרוי און קינדעלע.



**אינדיסקע גומי איף זיילען**
אויך פארשידענע גומענע זוילען אויף
לודזשער פאנטאפעל, אין גרויסען אויס-
וואהל—צו קאנקורענץ-פרייזען עמפעהלט
**Eichenbaum i Fajgenbaum** דירעקט
Warszawa, Franciszkańska 22 t. 404-79


פון קינא „נייער משארי"
דער קינא „נייער משארי" האט אין נעכסטען
פראגראם גלייכצייטיג מיט דעם הערליכסטען קינא
אין ווארשא „ספלענדיד" דעמאנסטרירט דאס
הערליכע עקזאטישע בילד א. נ. „זי אלס שייך"
מיט די הערליכע ארטיסטין בעבע דאניעלס,
דאס רופט זיך דוגלאס פיירבאנקס אין די
הויזען אין די הייפט-ראל.


**העגוישעס לעדערנע**
גוטע און ביליג בעקומט מען נור
אין דער ווארשאווער פאבריק פון
**M. Rozenblum**
Warszawa, Nalewki 37.


עס ווירד געפאדערט א יונגערמאן
מעגליכסט מיט טעכנישע צוגרייי-
טונג. אפערטען מיט גענויע אנגעבען
ווענען זיך. אין אדמיניסטראציע פון
„ראדאמער לעבען" אין ראדאם פיר „על".


א הערצליכען מז"ט ווינשען מיר אונזער ברודער, שוואגער און פעטער
**מאטיל זעלצער** מיט זיין פרוי צו דער פערלאבונג פון זייער ליבע טאכטער
**עלקע** מיט ה' **יחיאל גאלדפינגער** פון פאקשעוניצא
דעם יונגען פארל ווינשען מיר פיל גליק און שטענדיגע הארמאניע.
**שמואל פינקעלשטיין** עט פרוי
מיט די קינדער האפמאן.


איך פאדער אויף צום לעצטען מאהל די פערוואלטונג פון האנדווערקער-קלוב
צו האבען מיט מיר א דין-תורה זונטאג דעם 2-טען גרודזיען 8 אזייגער
ביים הרב קעסטענבערג. איך גלויב, אז זיי וועלען האלטען א דין-תורה
אזוי ווי עס פיהרט זיך ביי אונז יודען.
**י. מ. חוואט.**

MAGISTRAT miasta RADOMIA, Wydział Skarbowy podaje do publicznej wiadomości, że dn. 5, 6 i 7 grudnia r. b. między godziną 9-tą a 3-cią po poł. odbędą się na Placu Jagiellońskim przymusowe licytacje ruchomości u niżej wymienionych osób, na pokrycie zaległych podatków i innych należności.

**5-go grudnia r. b.**

1) **Szmula Rozensztejna** Chłodna 1, na: 100 klg. skóry podeszwianej.

**6-go grudnia r. b.**

2) **Sp. Jakaczyńskiego Fran.** 1-go Maja 53, na: 1 koń maści-kasztan 1 bryczkę na gumach, 1 platformę jednokonną, 1 szafę dębową nową, 1 biurko.

**7-go grudnia r. b.**

3) **Reichmann Chaima** Słowackiego 5 na: 1 szafę dębową, 1 kredens dębowy, 1 tremo.

MAGISTRAT m. RADOMIA
Wydz. Skarb.


*Od wielu lat już istniejące*
# Biuro Próśb TŁOMACZEŃ — i — PRZEPISYWAŃ
p. f. „PROLITEX"
RADOM, WAŁOWA 5, oficyna I-e piętro.
USKUTECZNIA
**Podania, skargi, opozycje, apelacje w sprawach cywilnych, karnych oraz rekursy do wszystkich urzędów państwowych i administracyjnych.**
**KORESPONDENCJA HANDLOWA**
**i nadal, jak w latach ubiegłych** ZAŁATWIA
WYKUPYWANIE PATENTÓW NA ROK 1929.


דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אוס
אונזער שכן דער פאמיליע **יחיאל דאנציגער**
צוליב דעם פריהצייטיגען טויט פון זייער
איינציגע טאכטער **חנה'לע**
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
פאמיליע חאליאנאחסקי.

Pogrążonej w głębokim smutku
**rodzinie ROTTENBERG**
z powodu śmierci
# OJCA i MĘŻA
**szczere współczucie wyrażają**
*F. Finkielsztein* **z rodziną.**

**P. Rotenbergowi Ajkewi**
z powodu zgonu
# OJCA Jego
**wyraża szczere współczucie**
*Rodzina DEN.*


*Kino „Nowe Czary" Teatr*
היינט און ווייטער
VIVIAN GIBSON i SUZY VERNON
**W spelunkach Rio de-Janeiro**
און אויך דאס ליבלינג פון בילקים
**TOMA MIXA**
אין זיין נייעם פילם פון 7 אקטען א. נ.
„TYGRYS ARIZONY"
**Anons! Ona jako szejk** z Bebe Daniels



*Kino „CORSO" Teatr*
Od poniedziałku 26 listopada i dn. następnych
TUZ SEZONU
**Tajemnica starego rodu**
Dramat współcz. w 12 dużych akt.
W podwójnej roli księżn. i córki rybaka J. Smosarska
Anons: „Z dymem pożarów"



*Kino „ODEON" Teatr*
**Od 30 listopada**
Dawno niewidziany ulubieniec szerokich mas
Maciste najsilniejszy człowiek świata wystąpi w najnow. obrazie sezonu
OLBRZYM GÓR
którego akcja toczy się na tle malowniczych Alp.
Następny program: **„Z bolszewickiego raju"**
W roli głównej Olga Czechowa



**א גשיזיכערט לעבען**
Kursy samochodowe
# H. PRYLIŃSKIEGO
Warszawa, Aleje Jerozolimskie 27
לערן אויסאס מיט **דאפלטער פירונג**
**וועלט-פאטענט.**
פערלייכטערט און איילט צו די לערע.
גיכער און גרונטיגער אויסלערנען.
**אפיטעקט** און **דירה** פאר פרעמדע
פראבעסיאנעלע און דזשענטעלמען-שאופערס.
א פאהר-ערלויבניש ווערט געזיכערט.
א ספעציעלער קורס פון מאטאציקלען.


די פאפולערע געזעלשאפט „לינת-הצדק"
וועלכע ערטיילט מעדיצינישע און דאק-
טארישע הילף פאר דער ראדאמער אי-
דישער באפעלקערונג. זי מאכט אויך
פערשידענע דאקטארישע אנאליזען.
מ'וואכט אויך ביי קראנקע ווי די שטוב-
מענטשען זענען שוין ערשעפט. כדי צו זיין
בכוח צו דעקען די הוצאות, מיט וועלכע אזא
אקציע איז פערבונדען, ווענדעט זיך די געזעל-
שאפט צו דער ראדאמער אידישע באפעלקערונג
מיט דער בקשה צו קויפען איהרע קאלענדארען
אויפ'ן יאהר 1929, וואס וועלען צושיקט ווערען
דורך וו. פרימלינס. יעדער ראדאמער סוחר, יע-
דער ראדאמער בעל-הבית דארף אונבעדינגט קויפען
דעם קאלענדאר פון „לינת-הצדק" בכדי צו פער-
בעסער'ן טיילווייז די מאטעריעלע לאגע וואס די
געזעלשאפט מאכט דורך. די פערוואלטונג.



Radjokoncerty
*uprzyjemniają długie zimowe wieczory na aparatach zakupionych we firmie* „RADJO"-
Radom, Lubelska 50
*Dogodne Warunki spłaty.*



Redaktor i wydawca CH. M. MERC

Odbito we własnej drukarni Radom, Szwarlikowska 20